STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06682

GEZANGEN FUN UNZER DOR

Israel Goichberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַנגען פון אונזער דור

פון

י. גויכבערג

באָסטאָן, 1925

Copyright by I. Goichberg
1 9 2 5

The Century Press, Boston, Mass.

אינהאַלט

נײַ־וואָרט 9
דער הוה רעדט 10
אַ לעגענדע 15
אונזער דור 18
מאָטאָרן:
רו־צײַט 21
אין קעסל־צימער 23
אויפגעוואַכט 25
דאָס פאָך־ראָד 27
ראַדיאָ 29
וואָס מיר ווייסן נישט 38
די צייט־ראָד 39
עקצידענט 41
אָטאָם 43
קוימענס 45
לאָקאָמאָטיוו 46
דער אַוויאַטאָר 47

אינמיטן	49
די שפּראַך פון גאַס	50
דאָס אָטאָ־כאָר	51
אין טראַמוויי	53
אין פרענקלין פּאַרק	54
שטיינמעץ	56
טשאַרלז טייך	57
דער דזשיג	58
צום פּעטער סעם	59

געוואַנגען פון אונזער דור

ניי־וואָרט

באַשינד אונזער שפּראַך פון די ווערטער געפּליגלטע,
נאַקעט ווי אָדם לאָז גיין אונזער שפּראַך,
צעפּראַלע די טירן פון ווערטער פאַרזיגלטע,
בלאָנדזשען זאָל ניי־וואָרט אויף וועג און אויף שליאַך.

איינזאַפּן זאָל עס דאָס לעבן דאָס רווישיקע,
טומל און שטויב און געהילך און געקלאַנג,
אויפכאַפּן זאָל עס דאָס שנעלע, דאָס טווישיקע,
האַוועניש, יאָגעניש, מענטשלאַך געדראַנג.

אפשר וועט שפּראַך זיך מיט לעבן באַהעפטיקן,
אפשר געבוירן אַ לעבעדיק גליד,
ס׳בענקט אונזער דור נאָך אַ וואָרט נאָך אַ קרעפטיקן,
ס׳בענקט אונזער צייט נאָך אַן אמת׳דיק ליד.

דער הוה רעדט

דער שורש אין שטילן ׃אידילישן עבר,
פאַרפלאַנצט אין אַ שיכט פון רגילותן אַלטע,
פון צייט ווען מיר פלעגן מיט אָקסן־שפּאַן ציען
און שטילקייט און רו איז געווען אונזער סביבה.
ווען אין שוים פון נאַטור זיינען קינדער געוואקסן
בשכנות מיט וועלדער און פעלדער און פייגל,
און מיט שקיעת החמה—געמיטער געזונקען
און אין פריע קאַיאָרן—געמיטער געשטיגן.
דער שורש אין שטילן אידילישן עבר,
דער שטאַם און דער קאָפּ—אין געווירבל פון הוה,
פון הוה וואָס שווינדלט און גריבלט מיט אומרו,
מיט טויזנטער בייטונגען איטלאַכע רגע.

אַ רגע איז אַ יאָר און אַ יאָר—אַ יאָרהונדערט,
ווען צייט ווערט געמאָסטן מיט בייט און באַוועגונג.
אין איין כהרף־עין—פון הויך־באַן צום נידער,

און ווידער פון נידער צום הויך־באַן דעם שנעלן,
און טראַגסט זיך און פליסט איבער מויערן הויכע,
איבער מענטשן, טראַמווייען און אָטאָמאָבילן,
וואָס קריכן ווי גלאַנציקע פרייסן געשמיידיק
און איילן זיך פיבערהאַפט עפּעס צו שאַפן.
דו פליסט און עס טוישן זיך איינדרוק נאָך איינדרוק,
און ס׳דרייען זיך, מישן זיך פאַרבן און קלאַנגען,
און פלינק מוז דאָס אויג זיין צו כאַפּן די פאַרבן,
און בליץ־שנעל—דער אויער צו פאַנגען די קלאַנגען,
און, ניין, ניט נערוועז איז דער מענטש פון׳ם הוה,
ניט קראַנק און געבראָכן—דער דור פון באַוועגונג,
נאָר צוגעפּאַסט האָבן זיך גוף און נשמה
צום טאַקט און צום ריטם פון היינטיקן לעבן,
וואָס פויקט זיין סימפאָניע אויף מעטאַלענע כלים
און זינגט למנצח צו שוואונג און ענערגיע.
קיין צייט ניט צו חלומען וועגן יצירה,

צו פּיפּקען אַ ליולקע און ציילן מזלות,
זיין אייגענער יוצר איז מענטש היינט געוואָרן,
אַ מעכטיקער שעפער פון וואונדער פון נייע.
עקשנותדיק שפּינט אונזער שעפער זיין פּאָדים,
און ניסים און וואונדער פון ימים־קדמונים—
זיי זיינען איצט ווירקלאַכקייט, וואָר און טאָג־טעגלאַך.

נאָר ניט קיין מלאכים מיט קלאָר־ווייסע פליגל
דאָרט שוועבן אין לופטן אין בורא׳ס שליחות,
ס׳איז מענטש און זיין לופט שיף, וואָס שניידן די וואָלקנס
געטריבן פון אייזערנע גראָע מאָטאָרן.
און וואַכעדיק זיינען די דראָט־טעלעגראַפן,
וואָס טראָגן ידיעות אויף טויזנטער מיילן,
און ווער ווערט נתפעל פון דראָט־טעלעפאָנען,
ווען ראַדיאָ איז שוין אַ שפּילצייג פאַר קינדער?
און ס׳שיטן זיך הויפנסווייז וואונדער אויף וואונדער:

די שטראַלן פון רעגנטעגן, וואָס דרינגען דיך דורך
ווי ס׳ליכטיקע אויג פון אַ בוחן כּליות,
דער קאַסטן וואָס שפּרעכט מיט דער שטימע פון מענטשן,
וואָס זיינען שוין לאַנג אויף דעם עולם האמת,
דער קינאָ־מכשף, וואָס ברענגט פאַר דיר גייסטער
און ווייזט דיר דעם מענטשנס אַ נעכטיקע מינע;
און ווילסטו, באַשאַפסטו דעם קנאַל פון אַ דונער,
בעת אין דער לופט איז קיין סימן פון וואָלקנס.
אָ, ניין, פּראָמעטעוס, דו ביסט ניט דער לעצטער
צו גנב׳נען סודות פון געטלאַכע אוצרות.

און אָפטמאָל דערפילסטו דאָס נאָגן פון שורש,
וואָס מאַניעט צו שטילקייט, צו רו און אַפּאַטיע,
און ליוליעט דיך איין מיט רגילותן אַלטע,
מיט לאַנגע צעצווייגנטע טענער פון אָרגל,

נאָר מעכטיקער זיינען די פליגל פון הוה,
וואָס רייסט זיך אַלץ טיפער און טיפער צום וואָרצל,
און ס'קעמפט דער ענערגישער קאָכיקער „איצטער״
אַנטקעגן דעם „פריער״ פון בלאָע חלומות.

דער שורש אין שטילן אידילישן עבר,
דער שטאַם און דער קאָפּ אין געווירבל פון הוה,
פון הוה וואָס שוויבלט און גריבלט מיט אומרו,
מיט טויזנטער בייטונגען איטלאַכע רגע.

אַ לעגענדע

װען דער שבט פֿון די אַטאָס,
פֿון די גרינגע פֿלינקע אַטאָס,
װאָס זײ טראָגן זיך אױף רעדער
פֿון דעם װײכסטן בעסטן גומי
און זײ טרינקען קײן געטראַנקען
אױסער רײנסטע גאַזאָלינען,
װאָס די פֿונקען פֿון עלעקטריע
צינדן אָן אין זײ אַן אָטעם
און זײ פֿליען אױף די װעגן
װי די פֿײלן אױס'ן בױגן,—

װען דער שבט פֿון די אַטאָס
פֿון דעם צװאַנציקסטן יאָרהונדערט
האָט באַזיגט דעם אַלטן שבט
פֿון די שטאָלצע פֿערדיאַנער;
אָט פֿון יענע פֿערדיאַנער,
װאָס זײ פֿלעגן אױף זיך טראָגן
פֿון די רײכסטע פֿײנסטע פּריצים
ביז די קעניגן און פּרינצן;
אָט פֿון יענע פֿערדיאַנער,

וואָס זיי פלעגן גיין געשפּאַנטע
אין די גאָלדענע קאַרעטעס,
אויסגעפּוצט מיט זילבער־גלעקלאַך, —
ווען די אַלטע פערדיאַנער
זיינען טיף אַזוי געזונקען,
אַז געשפּאַנט אין מילך־וואָגן,
האָבן זיי געמוזט צעטראָגן
יעדן מאָרגן, יעדן מאָרגן
פלעשער סמעטענע און מילך
צו די טירן פון די הייזער,
פון די שלאָפנדיקע הייזער;
האָט דער לעצטער פערדיאַנער
פון דעם יחוסדיקן שבט
אין דער נאַכט פון זיין גסיסה
אויסגערעדט אַ שווערע קללה:
זאָל דער חוצפה׳דיקער אָטאָ
זיך צעפּרוכפּערן און מערן,
זאָל ער פליען און צעשטערן
זיין באַשעפער דעם בן־אָדם.
זאָל ער טייטן זיינע קינדער

אויף די גאַסן, אויף די וועגן,
יעדער קרייץ־וועג, יעדער שייד־וועג—
אַ מזבח פאַר אַ קרבן . . .
און זינט דאַמאָלט זיינען קינדער
שוין אין טויזנטער געשטאָרבן,
יעדע שעה, אויף יעדן קרייץ־וועג
פאַלט אַ נייער פרישער קרבן.

אונזער דור

אונזער דור איז דאָס קינד פון דעם אימפּעט,
דאָס קינד פון דעם בליץ און עלעקטרישער קראַפט,
פרעסט ער און שלינגט אין זיך טאָנען מיט קוילן,
זשליאָקעט און גיסט אין זיך ימען מיט נאַפט.
העי—העי!
דו עלעקטרישער בליציקער דור,
העי—העי!

אונזער אַלמעכטיקער דור האָט אַ דמיון,
אונזער מעכאַנישער דור האָט אַ שוואונג,
אויף אַלעם פאַרמעסט ער זיך, וואָס מיר אוממעגלאַכעס!
אונזער דור איז ענערגיש און יונג.
העי—העי!
דו ענערגישער מעכטיקער דור,
העי—העי!

אונזער ענערגישער דור איז אַ גלויביקער,
גלויבט ער מיט חוצפּה זיין אייגענער קראַפט,
נישט אין קיין כּוחות וואָס זיצן פון אויבן,
זיין אייגענער כּוח צעשטערט און באַשאַפט.
העי—העי!
דו צעשטערנדער־שאַפנדער דור,
העי—העי!

מאָטאָרן

רו-צייט

מאַכטלאָז, באַוועגלאָז ווי גולמעס
ליגן די גראָע מאָטאָרן,
גלייך ווי אַ שלאָף אַ לעטאַרגישער
וואָלט זיי געהאַלטן פון יאָרן.

דאָס שווערע דאָס ריזיקע פאָך־ראָד
שטייט מעשה־העלפאַנט געדולדיק,
ווייסט ניט מכלומרשט וואָס אימפּעט מיינט,
גאָט די נשמה גאָר שולדיק.

דער לעדערנער פּאַס אויפ'ן פאָך־ראָד
נאָכגעלאָזט לויז ווי אַ טאָרבע,
שלאָפט דער פאַרבינדונגס־גליד רואיק
צווישן פּיסטאָן און דער קאָרבע.

קלאַפּט ניט דאָס האַרץ פון דעם מאָטאָר,
די דאַמף ברוסט איז ליידיק פאַרפרוירן,
דער שיבער—די שטענדיקע אומרו,
ווייזט אויס, האָט זיין אומרו פאַרלוירן.

דער צענטריפוגאַל רעגולאַטאָר—
דער שומר פון מאָטאָרס פולסירן,
האָט נאָכגעלאָזט לויז זיינע באָלן
און וויל זיך פון אָרט גאָר ניט רירן.

קאָנען איצט קלייניקע קינדער
די הענטלאַך צום פאָד־ראָד אויסשטרעקן
און פילן זיין אייזערנע קאַלטקייט,
נישטאָ זיך פאַר אים וואָס צו שרעקן.

אין קעסל־צימער

אָט דאָס איז דער מקור
פון וואנען עס קומען
די ריזן נשמות
פון גראָע מאָטאָרן,

אָט דאָ אין דעם אויוון
געפינען אַ תיקון
נשמות וואָס האָבן
די קראַפט שוין פארלאָרן.

אַ פּראַל מיט דעם שווערן דעם שטאָלענעם טירל,
און ברייט איז צעעפנט דער פרעסער פון אויוון,
און זעסט,
ווי עס טאנצן די בלאָנקע פלעמלאך
אין קופּע פון גאָלדענע גליענדע קוילן?
שטרעק אוים צוויי געזונטע צוויי אייזערנע הענט,
אַ הייב אין דער לופטן אַ לאָפּעטע קוילן,
אַ שליידער די שווארצע און גלאַנציקע מאַסע
אין ברייטן צעעפנטן מויל, וואו עס ברענט!
אַ־האַ!
ווי עס קוויקט זיך דאָס העלישע מויל
מיט די קאַלטע און שווארצע און גלאַנציקע געסט,
און עס מישן זיך בלאָנקע צינגלאך צוזאַמען
מיט גילדענע פונקען, מיט קוילן וואָס קנאַקן,
און ער פרעסט און באַלעקט זיך דער זולל־וסובא
און כראַמטשעט די קוילן אויף אַלע פיר באַקן...

און איבער די פלאַמען פון העלישן פייער—
דער בייביקער קעסל, ער קאָכט און ער ברענט,
און עס שפּאַרט זיך דער דאַמף אין דעם קעסלס געדערים,
צערייסן אים ווילט זיך די שטאָלענע ווענט.
נאָר שטאַרקער פון דאַמף זיינען שטאָלענע פּלייצעס,
מעג שטייגן דער מעטער ביז צוויי הונדערט פונט!
דעם שטאָלענעם קעסל—אים שרעקט ניט קיין דריקונג,
ער הערט נאָך די חוצפּה פון דאַמף ווי דעם הונט!

אויפגעוואַכט

אַ דריי אויף לינקס די שרויף פון קלאַפּאַן,
וואָס פירט פון קעסל צום מאָטאָר,
זאָל פליסן דאַמף אין אַלע רערן,
צעעפן ברייט, קיין דאַמף ניט שפּאָר!

דו הערסט ווי ס'שיפּעט און עס זידט
דאָס הייסע קעסלדיקע בלוט?
דו זעסט ווי ס'רייסט זיך די נשמה
צום טויטן גוף מיט פרישן מוט?

און פול איז די דאַמף־ברוסט מיט קאָכיקן דאַמף,
און עס קלאַפּט שוין דאָס האַרץ און עס רעגט זיך אַ קאַמף
פון דעם הייסן ענערגישן דאַמפּיקן דראַנג
אַנטקעגן אינערציע פון אייזערנע גלידער,
און עס דויערט ניט לאַנג:
אַ באַזיגטער אַ מידער
קריכט אַרויס דער פּיסטאָן
און ער שטופּט און טרייבט אָן
דעם פאַרבינדונגס־גליד, נאָכדעם די קאָרבע.
און עס רירט זיך דאָס פאָך־ראָד,
כאָטש שווער, נאָר עס רירט זיך,
עס דרייט און צעפירט זיך,
עס דרייט און צעפירט זיך,
אַלץ לייכטער און פלינקער און שנעלער!

און עס טראָגט זיך דער צענטריפוגאַל־רעגוליאַטאָר
די באָלן צעלאָזן, צעשליידערט אינגאַנצן,
ווי פּאָלעס צעשפּרייטע אין מיטן פון טאַנצן
אַלץ פלינקער און ברייטער און שנעלער!

און שטייט איז דער פּאַס אויף דעם פּאָד־ראָד דעם ברייטן,
אַליין אַ געטריבענער, טרייבט ער אַ צווייטן:
דעם עלעקטרישן שטראָם גענעראַטאָר.
און עס שפּרינגען עלעקטרישע פונקעלאַך גרינע,
ווי בליצעלאַך קליינע, ווי בליצעלאַך דינע,
און לעשן זיך אויס און באַווייזן זיך ווידער,
און ס׳טראָגט זיך דאָס קלאַפּן פון אייזערנע גלידער,
וואָס פויקן צום טאַקט און אָן אויפהער צום טאַקט
און זיי קלאַפּן און קלאַפּן און קלאַפּן.

דאָס פאָך־ראָד

טויזנט מאָל טויזנט הקפות,
טויזנט מאָל טויזנט הקפות,
פאָכעט מיט אימפּעט דאָס ראָד,
פאָכעט מיט אימפּעט דאָס ראָד,
פליסן עלעקטרישע שטראָמען,
פליסן די בליציקע שטראָמען
אין שטייפן געצווינגענעם דראָט,
אין שטייפן אין קופּערנעם דראָט.
העי, וויפיל פערדישע כוחות,
העי, וויפיל פערדישע כוחות,
טראָגן די דראָטן אַ צינד,
יאָגן די דראָטן אַ צינד!
מאַכן זיי קפיצת־הדרך,
שלינגען די צייט און דעם שטח,
טראָגן זיך בליציק געשווינד,
יאָגן זיך בליציק געשווינד.
טויזנט מאָל טויזנט הקפות,
טויזנט מאָל טויזנט הקפות,
פאָכעט דאָס ראָד אָן אָן עק,
פאָכעט דאָס ראָד אָן אָן עק,
העי! ניט דערוועג זיך צו שטערן
דעם שוואונג פון דעם פאָך־ראָד דעם שווערן,
ניט שטעל זיך דעם ריז אין זיין וועג!

ראַדיאָ

ראַדיאָ

גערטרוימט האָסטו דעם גרויסן טרוים
פון ראַדיאָ,
געפּלאַנעוועט דעם גרויסן פּלאַן
פון ראַדיאָ,
געשאַפן איז דיין מייסטערווערק
די ראַדיאָ,
טאָ זינג זשע מיר דאָס גרויסע ליד
פון ראַדיאָ!
טרא-לא, לא-לא, לא-לא, לא-לא
לא ראדיאָ!
אַ מענטש, דו מענטש, האָסט לאַנג געלעבט
אַ רואיקער
און נישט געוואוסט אַז טויב ביזטו
ווי שטיין איז טויב,
און קולות, קלאַנגען, שטימען
פון מרחקים אזש
זיי האָבן דיך דערגרייכט
און דיך ארומגעקרייזט,
געריסן און געבעטן זיך:
„פאַרנעם מיך מענטש,"

נאָר שוואַך איז דיין געהער געווען
און נעבעכדיק
צו פאַנגען יענע קלאַנגען
צו פאַרנעמען זיי.
אַ ים פון קלאַנגען האָט אַרום
געכוואַליעט זיך,
נאָר ס'האָט דיין טויבער אויער
קוים אַ שאָרך געהערט.
און ברודער האָט צו ברודער—ווייט
אַ וואָרט געשיקט,
פאַרלאָרן האָט דאָס וואָרט זיך
נישט דערגייענדיק.
ס'האָט זינגער פון זיין ברוסט
אַ ליד אַרויסגעשאַלט,
געבליבן איז זיין ליד
אין ד' אמות נאָר,
און פידלער האָט אין טרעלן זיס
צעגאָסן זיך,
נאָר ווער האָט פון דערווייטן
דען זיין טרעל געהערט?

אַ טויבע וועלט, פון שטח
אַ צעריסענע,
וואָס איינער זאָגט, דערהערט עס ניט
אַן אַנדערער.
ביז דו האָסט זיך באַוויזן,
אונזער ראַדיאָ!
און וואונדערבאַר און וואונדערלאַך
איז אַלץ אַרום...

פון ווייטן אין אַ שטעטל
אין אַמעריקע
אין וויג־שטול אין אַ צימער
אין אַ וואַרעמען,
פון דאַמף באַהייצט, באַלויכטן
פון עלעקטריע
אַ ברודער זיצט און חלומט
פון אַ ברודער ווייט.

געלאָזט האָט זיך זיין ברודער
אויף אַן עראָפּלאַן

קיין פראַנקרייך איבער ימען
איבער פינסטערע,
ווער ווייסט, וואָס מאַכט זיין ברודער
אין דער נאַכט אַצינד,
צי שוועבט ער איצט בשלום
אין דעם שטורם-ווינט?
צי שלאָפט ער איצט, צי וואַכט ער איצט,
צי אפשר גאָר
געטראָפן האָט אַן אומגליק
מיט זיין עראָפּלאַן?
אַ שטרעק די האַנט, אַ דריי אַ שרויף
צו רעכטער זייט,
אַ שטרעק די האַנט, אַ דריי אַ שרויף
צו לינקער זייט,
און פּלוצלונג ווערט דאָס צימער
דאָס באַלויכטענע
פאַרהילכט מיט קלאַנגען פון אַ שטים
אַ פריינדלאַכער:

„וואָס מאַכסטו, ברודער, אין דער שעה
דער שפּעטלאַכער?
דו ווילסט אוודאי וויסן
וואו איך בין אַצינד?
איך שוועב אַצינד אין מיטן
פון אַטלאַנטיק ים,
ס'איז שרעקלאַך איצט דער שטורם־ווינט
אויף ימען דאָ,
נאָר פעסט און זיכער טראָגט ער זיך
דער פויגל מיין,
קיין שטורם־ווינט ניט שרעקט זיין האַרץ
דאָס אייזערנע.
א גוטע נאַכט! כ'בין מיד און עטוואָס
שלעפעריק,
קאָנסט רואיק שלאָפן, זיכער איז
מיין עראָפּלאַן."

און ערגעץ ווייט אין אַ פּאַריזשער
אָפּערע,
דאָרט זינגט שאַליאַפּין הילכיק
זיין מעפיסטאָ־ליד.

און ס׳פליט זיין שטים פון פראנקרייך
קיין אמעריקע
און ס׳קלינגט זיין שטים פון כינע
ביז קיין רוסנלאנד.
און עס הוידעט זיך א פארמער
וואו אין אייאָווא
אין זיין וויג־שטול צו דעם טאקט
פון דעם מעפיסטאָ־ליד
און עס שמייכלט דער כינעזער
אזוי ברידערלאך
ביי דעם קלינגען פון די טענער
פון מעפיסטאָ־ליד,
און עס פייקלט זיך דער רוס
מיט זיינע פינגער צו
צו דעם ריטם פון זיין ליבלינג,
פון שאליאפינען . . .
און עס כאפט ארום דאָס הילכיקע
מעפיסטאָ־ליד
די הערצער פון א וועלט פון עק
צום אנדערן . . .

ס'איז גלעטנדיק דאָס צאַרטע ליד
פון ליליעס,
ס'איז רייצנדיק דאָס העלע ליד
פון זונענשיין,
נאָר וואונדערבאַרער איז דאָס ליד
פון ראַדיאָ!
טראַ-לאַ, לאַ-לאַ, לאַ-לאַ, לאַ-לאַ
לאַ ראַדיאָ!

וואָס מיר ווייסן נישט

וואָס מיר ווייסן נישט, ווייסן מיר נאָך ניט,
נישט געגנוג מסתם געזוכט,
וואָס מיר ווייסן נישט, וועלן מיר וויסן,
טיף באַגראָבן ליגט די פרוכט.

וואָס מיר ווייסן נישט, וועלן מיר וויסן,
זיך דאָביוועז צום יסוד,
נישט פֿאַראַן פֿאַר אונז קיין ניסים,
נישט פֿאַראַן פֿאַר אונז קיין סוד.

וואָס מיר ווייסן נישט, וועלן מיר וויסן,
זאָל עס נעמען יאָרן לאַנג,
דורות פֿליען און פֿאַרשווינדן—
אייביק זיינען דורשט און דראַנג.

די צייט־ראָד

פון טויזנטער פונקטן איבער ד׳ערד צעשפּרייט,
דורך טויזנטער וועגן איבער וועלט צעזייט,
ווערט יעדע רגע אַ נייס געבראַכט:
דער האָט געשאַפן, דער האָט געמאַכט,
דער האָט אַ גרויסן סוד אַנטפּלעקט,
דער האָט אַ נייע קראַפט אַנטדעקט . . .

פון טויזנטער צעלן פון מענטשנס מוח
עס שטראָמט און פליסט אַ ריזן כּוח.
און עס שפּאַנט בן־אָדם אַלץ פאָרויס,
און עס פאַלן געטער: קליין און גרויס,
„קיין דרך־ארץ פאַר קיין גאָט״
דאָס איז דעם נייעם דור׳ס געבאָט.

און עברס לעצטער שפּור פאַרשווינדט,
און הוה איז דעם עברס קינד,

פון הוה׳ס ווערן עבר׳ס באַלד
און נאָר דער עתיד איז ניט אַלט...
און עס פליט דאָס ראָד און אַלץ פאָרויס,
און יעדע סיבה העלפט אַרויס,
מלחמה טרייבט און שלום טרייבט,
פון יעדער ריר אַ רוח בלייבט...
און אָקסן טויזנטער געשפּאַנט
צום ראָד פון צייט זיינען ניט אומשטאַנד
אַ דריי צו טאָן דאָס ראָד צוריק
אפילו אויף אַן אויגנבליק...

עקצידענט

סטאַנציעס, סטאַנציעס איבער דר'ערד,
סטאַנציעס, סטאַנציעס אונטער דר'ערד
שלינגען איין און שפּייען אויס
כוואַליעס מענטשלאַכן געברויז.
ס'האָט זיך מענטש דער באַן פאַרטרויט,
טראָגט די באַן אים זוכן ברויט,
פליט אהער און פליט צוריק
אויף אַ לאַנגער רעלסן בריק.
לעמפּלאַך, לעמפּלאַך גרין און רויט,
גרין איז זיכער, רויט איז טויט.
האָט זיך מאָטאָרמאַן פאַרטראַכט,
האָט די באַן זיך ברייט צעלאַכט:
כאַ, כאַ, כאַ! פאַרשפּראָכן ברויט,
אָבער געבן וועל איך טויט...

און אַ שפּרונג פון רעלס אראָפּ
גלייך צום טייוול אויפ'ן קאָפּ.
און דער טייוול: האַם און האַם!
סאַראַ מאכל, סאַראַ טעם!
ערשט געלעבט און ערשט געווען—
און נישטאָ אַ מענטשן צען...

און די סטאַנציעס איבער דר'ערד,
און די סטאַנציעס אונטער דר'ערד
שלינגען ווייטער, שפּייען אויס
כוואַליעס מענטשלאַכן געברויז.

אַטאָם

מזרח, מערב, דרום, צפון,
אַטאָם, אַטאָם, אַטאָם,
דאָרט געפֿלויגן, דאָ געלאָפֿן
שווייבלענדיקע אַטאָם...
גרינגע פֿאָרדלאַך שמוציק־גראָע
דרינדזשענדיקע אַטאָם,
לאַנגע, שווערע, טונקל־בלאָע
גדלותדיקע אַטאָם.
בוידעס אָפֿענע, גערעקטע
און פֿאַרמאַכטע אַטאָם,
קערפֿערס קורצע, אויסגעשטרעקטע,
שפּיציקדיקע אַטאָם.
משא־שלעפּער אָפּגענוצטע:
האָראָפּאַשנע אַטאָם,
לעמוזינען אויסגעפּוצטע:
מיליאָנערסקע אַטאָם.
פֿאָרן אַלטע שעפֿן קרעפֿטן,
כאַפּן לופֿט אין אַטאָם,
פֿליען יונגע נאָך געשעפֿטן:
קאָנקורענטן אַטאָם.

זוכט אַ ליבעס פּאָר אַן ערטל—
טונקל זיינען אַטאָמס...
איין האַנט טרייבט און איינע צערטלט,
אוואַנטיורן אַטאָמס.
מזרח, מערב, דרום, צפון,
אַטאָמס, אַטאָמס, אַטאָמס,
דאָרט געפלויגן, דאָ געלאָפן,
אַ פאַרפלייץ פון אַטאָמס.

קוימענס

ווייסע, רויטע קוימענס,
קוימענס פון פאַבריקן:
אָרעמס פון גיגאַנטן
לאַנגע אויסגעשטרעקטע
שרייבן אויפ׳ן פאַרמעט
פונ׳ם בלאָען הימל
קרייזלדיקע אותיות
רויכעדיקע שוואַרצע.
און דו לייענסט אין יענע
וואָלקנדיקע אותיות
וואונדערלאַכע מעשיות
פון דעם מענטשנס פּראַצע,
פון דעם מענטשנס זיגן,
פון דעם מענטשנס פאַלן,
וועגן זיין ניצחון
איבער די מעטאַלן.
ווי ער שמעלצט אַ שמעלצונג,
ווי ער פורעמט פורעמס,
ווי ער שמידט סקעלעטן
פאַר די הויכע טורעמס.
טויזנט, טויזנט וואונדער
ליגט אין יעדן רויך,
מיליאָנען מעשיות
שוועבן אין דער הויך...

לאָקאָמאָטיוו

עך, וואָס פֿאַר אַ קרעפּטעלע
דער אײַזערנער פֿאַרמאָגט!
סאַראַ ברום אַ מעכטיקן
דער דאַמפּיקער צעטראָגט!
פֿון זײַן הוסט אויף מײַלן ווײַט
די לופֿט פֿאַרציטערט ווערט,
פֿון זײַן פּראַך דעם שרעקלאַכן
עס טרײסלט זיך די ערד.
און ער שפּײַט זײַן דאַמף אַרויס
אין ווײַסע קנוילן הויך,
און זײַן ליולקע וואָלקנט זיך
מיט שוואַרצע זײַלן רויך.
און ער פֿליט און קאַטשעט זיך,
ווי ס׳וואָלט אַ שד געיאָגט,
עך, וואָס פֿאַר אַ קרעפּטעלע
דער אײַזערנער פֿאַרמאָגט!

דער אוויאַטאָר

אין אַ לופֿט שיף איבער ימען
האָט מיין ליבסטער זיך געלאָזן,
ווער אַנטשווינגן, שטורם בייזער,
ווילדע ווינטן, הערט אויף בלאָזן.

איך באַשווער דיך, נעפּל דיקער,
ריין זאָל זיין די לופֿט און לויטער,
מיין געליבטער שוועבט אין וואָלקנס
אויף אַ שיף אַ פעסט געבויטער.

דריי זיך שנעלער, דו פּראָפּעלער,
שרויף זיך מיט'ן גאַנצן כוח,
ברענג צוטראָגן מיין געליבטן,
ווי אַ ווינטל טראָגט אַ רויך.

זאָלן ריטמיש, זאָלן טאַקטיש
קלאַפּן, קלאַפּן די מאָטאָרן,
מיין געליבטער איז דער קעניג
איבער אָדלערס היינט געוואָרן.

* * * *

מאַמע ליבע, כ'הער דאָס רוישן,
כ'הער דאָס פּאָכן פון פּראָפּעלער,
כ'הער דאָס פּויקן פון מאָטאָרן,
מאַמע, קום צום פענסטער שנעלער!

זעסט דעם קליינעם שווארצן פינטל
אין די וואָלקנס פון דערווייטן?
דאָס איז דאָך זיין לופט־שיף, מאַמע,
מיין זים לעבן קומט צו רייטן!

שטאָלץ און מוטיק זיצט מיין ליבער
בא דעם רודער א געניטער,
רואיק קלאַפּט זיין הארץ דאָס שטארקע,
אין זיין האנט קיין מינדסטער ציטער.

מאַמע, זעסט? אַט ווערט עס גרעסער...
אַך, ווי כ'וואָלט צו אים געפלויגן!
מאַמע, מאַמע... אוי, א שוידער...
ניין, איך גלויב ניט מיינע אויגן!

זעסט, ער פאַלט און זינקט אַלץ שנעלער,
אָפּגעשטעלט זיך די מאָטאָרן...
מאַמע, ליבע, מאַמע קרוין,
מיין זים לעבן איז פארלאָרן!

אינמיטן

פון פאָרנט אַן אָטאָ, פון הינטן אַן אָטאָ,
פון רעכטס אַ טראַמוויי און פון לינקס אַ טראַמוויי,
און איך בין אינמיטן: איך דריי זיך און וואַרף זיך,
און פּרואוו זיך געפינען אַ פּינפּטע זייט פריי.
און ס'רעוועט דער האָרן פון הינטערשטן אָטאָ:
נו, שטעל שוין אַ פוס, איך צעברעך דיר אַ ביין!
און ס'דרינגדזשען די גלעקלאַך פון בײדע טראַמווייען:
נו, ריר זיך שוין, בחור, ווי לאַנג וועסטו שטיין?
און גיי זיי אַ בריה, געפין אַן אַרויסגאַנג,
כאָטש זינק אין דער ערד, אָדער הויב דיך און פלי,
אַלמעכטיקער אַלאַ! פאַרנעם מיינע תפילות
און פיר מיך אַרויס אָן צעבראָכענע קני!

די שפּראַך פון גאַס

כאַ־כאַ און פּאַך־פּאַך און קלינג־קלאַנג און הו־הו...
די רווישיקע גאַס איז שוין וואַך.
כאַ־כאַ און פּאַך־פּאַך און קלינג־קלאַנג און הו־הו...
און דאָס איז די גאַסיקע שפּראַך.

מ'הערט זיך פון קינדער דאָס קייכן און לאַכן,
מ'טראָגט זיך אַן אָטאָ פאַרביי
און ס'מישט זיך צוזאַמען זיין ברומען און פּראַכן
מיט קלאַנג און גערויש פון טראַמוויי.

מ'הערט זיך דאָס גרילצן פון הייזעריקע טענער:
דעם שפּיל־קאַסטנס גאַסן מוזיק,
מ'טראָגט זיך אַ רעוו ווי פון טויזנטער אָקסן:
דאָס רייזיקע קול פון פאַבריק.

מ'הערט זיך פון ווייטן דאָס אייזערנע פּראַכן
פון לאָקאָמאָטיוו ערגעץ וואו,
אַ פּראַך!... און צעשיט זיך אין שברימלאַך קליינע,
און נאָכדעם: קלינג־קלאַנג און הו... הו...

דאָס אָטאָ־כאָר

דאָס כאָר באַשטייט:
פון אָטאָ'ס אָנפאַנגער—מאַגניטאָ־דיריגענט,
וואָס גיט אַ טאָן צום כאָר און דיריזשירט אָן הענט,
פון פיר קונדסים—ליאַלקעלאַך־ווענטילן,
און באַסן פיר—פיר גומי רעדער,
וואָס קאַטשען זיך און זינגען מיט געפילן.

דו גיסט דעם אָנפאַנגער אַ צי,
דער אָנפאַנגער גיט האַווקענדיק אַ טאָן:
וואַ־האַוו, וואַ־האַוו, וואַ־האַוו, וואַ־האַוו,
וואָס שווייגט איר דאָרט, קונדסים?
נעמט טאַנצט אַריין אין קאָן!
און נאָכאַמאָל: וואַ־האַוו, וואַ-האַוו, וואַ־האַוו, וואַ־האַוו,
אַהאַ! געכאַפּט דעם טאָן,
די ליאַלקעלאַך ווענטילן—
דו הערסט שוין פּויקן זיי, זיי טאַנצן און זיי שפּילן:
איינס נאָך איינס, און איינס נאָך איינס:
טי־טאַ־טאַ־טאַ, טי־טאַ־טאַ־טאַ,
טי־טאַ־טאַ־טאַ, טי־טאַ־טאַ־טאַ,

און נאָכאַמאָל דאָס געמלאַכע,
און ווידער אַמאָל דאָס געמלאַכע,
און אָבער אַמאָל דאָס געמלאַכע,
און שנעלער, שנעלער, שנעלער:
טי-טאַ־טאַ־טאַ, טי־טאַ־טאַ־טאַ,
טי טאַ־טאַ־טאַ, טי־טאַ־טאַ!
און עס קאַטשען זיך די באַסן
אין אַן אוניסאָן מיט דבקות,
און עס קלעפּן זיך די רעדער
צו דעם וועג אַזש פון מתיקות:
טאָרר... טאָרר...
און נאָך אַ פּאָר מינוט, און נאָך אַ פּאָר מינוט—
און שטילער קלינגט פון ווייטן שוין דער טאָרר...
און נאָך אַ פּאָר מינוט, די לעצטע פּאָר מינוט—
פאַרשטאָרבן איז פון ווייטן שוין דער כאָר...

אין טראַמוויי

ווי די הערינג אָנגעפּאַקטע
זיינען מענטשן אין טראַמוויי,
דאַרפסט ניט הענגען אויפ׳ן רימען,
קאָנסט ניט פאַלן סיי ווי סיי.

טרעפט זיך נאָך: א יונגע מיידל
איז דיין שכנה אין טראַמוויי,
שטייט איר ביידע און איר שמייכלט—
טראַכסטו: ענגשאַפט איז כדאי.

טרעפט זיך, אַז אַן אַלטער שיכור
איז דיין שכן ביי דער זייט,
מעלה־גרה׳ט ער טאַבעקאַ,
שמעקט מיט בראָנפן און ער שפייט.

טראַכסטו זיך: אַ גאָט געדענקטער!
ס׳אַ שטראָף פאַר מיינע זינד,
כ׳וואָלט מיט פרייד צופוס געלאָפן
איידער פאָרן דאָ אצינד.

אין פרענקלין פּאַרק

אַ ווינטער פרייד, מיין ווינטער פרייד,
דו קומסט אין ווייסן שניי געקליידט,
דו קומסט אין פראָסט און אייז געשמידט
און דאָך, ווי הייס איז מיין געמיט!

אַ ווינטער פרייד אין פרענקלין פּארק,
פון יעדן ווייס באַשנייטן באַרג
עס פליען שליטלאַך טשאַטעסוויינ
אויף שליאַכן גלאַט ווי שפּיגל־אייז.
דו פליסט און בעטסט זיך: בלייב ניט שטיין,
נאָר ווייטער גיין, נאָר שנעלער גיין,
זאָל נאָר דער באַרג וואָס לענגער זיין,
וואָס ווייטער ביז׳ן טאָל אַריין.
דו פליסט פון באַרג אַראָפּ אין טאָל
און טרעפסט דאָרט שליטלאַך אָן אַ צאָל,
פאַרטשעפּעסט איינס און ס׳פאַלן צוויי,
אַ ווילדער קוויטש, אַ ווילד געשריי...
דו שלעפּסט דאָס שליטל באַרג אַרויף
און ס׳דוכט: דער באַרג ער האָט קיין סוף,
אַ שפּאַן פאָרויס—אַ גליטש צוריק
דו ברענסט פון אומגעדולד און גליק...

און דאָרט אנטקעגן אויפ'ן בארג,
אויף זיין משופּעדיקן קאַרק,
דאָרט שלענגלען זיי זיך שורותווייז׳
דריי לאַנגע קאָרעטעס מיט אייז.
ניט קוק דערויף, וואָס ס'איז שוין שפּעט,
נעם דינג דיר אַ טאָבאָגן־ברעט,
פאַרליר קיין צייט, ניט שטיי און טראַכט,
נעם פּאַק אַריין אַ מענטשן אַכט,
דער ערשטער פאַר'ן צווייטנס פּיס,
און פּלוצלונג—זיך פון אָרט אַ ריס,
און איידער ווען און איידער וואָס—
דו פליסט שוין איבער אייז ווי גלאָז,
פאַרפאַלן... מוזט שוין גיין פאָרויס,
און ס'האַרץ—עס וויל פון ברוסט אַרויס...
און האַ, האַ, האַ! און הו, הו, הו!...
דו ביסט שוין ווייס איך, ווייס איך וואו...

שטיינמעץ

אין גייסט—אַ ריז פון טויזנט איילן
אין גוף—אַ קליינע שוואַכע פליג,—
ניט צו דער מוסקולדיקער גבורה
געהערט דער לעצטער גרויסער זיג.
אַ קאַרליק שליידערט זיך מיט בליצן,
אַ הויקער שפּילט מיט דונער-קנאַל,
און צוימט מיט געטלאַכער גבורה
דעם שטראָם פון ווילדן וואַסער־פאַל.
סימבאָל פון אונזער צייט דער גרויסער,
וואָס שפּילט מיט שפּילצייג פון אַ גאָט,
און שפּאַנט צום ראָד פון זיינע נוצן
די קראַפט, וואָס לאַנג געשראָקן האָט.

טשאַרלז־טייך

פון אַלע טייכן ברייטסטער טייך,
אַ טשאַרלז טייך, דו טשאַרלז טייך,
און אפשר ניט—געמאָסטן דען
דיך? טשאַרלז טייך, מיין טשאַרלז טייך.

די גרעסטע צאָל פון פאָרלאָך ליב
געשלאָסן ווערט ביים טשאַרלז טייך,
און אפשר ניט, כ'האָב דען געציילט?
אַ טשאַרלז טייך, מיין טשאַרלז טייך.

אויף יעדער באַנק א ליבעס פאָר,
אַ טשאַרלז טייך, דו טשאַרלז טייך,
און אפשר ניט, אָט זיץ איך דאָך—
און גאַנץ אַליין ביים טשאַרלז טייך.

דער דזשיג

האָסט געזען אַ נעגער טאַנצן,
האָסט געזען אַ נעגער טאַנצן,
האָסט געזען אַ נעגער דזשיגענדיק זיין דזשיג?
ווי ער פּייקלט און ער קייקלט
זיינע טריטעלאַך ווי אַרבעס,
זיינע טריטעלאַך די דריוונע פון׳ם דזשיג?

האָסט געזען אַ נעגער טאַנצן,
האָסט געזען אַ נעגער טאַנצן,
האָסט געזען אַ נעגער וואַרפנדיק די פיס?
און די אָרעמס ווי זיי הענגען
ווי געליימטע און ווי פרעמדע
איבער לעבעדיקע צאַפּלענדיקע פיס?

האָסט געזען אַ נעגער טאַנצן,
האָסט געזען אַ נעגער טאַנצן,
ווי עס העצקעט זיך אַ מענטשל אָטאָמאַט?
און עס דאַכט זיך אַ ספּרוזשינע
טרייבט דאָס מענטשעלע דאָס דינע
און עס פּייקלט מיט די פיסלאַך אַזוי גלאַט.

צום פּעטער סעם

דיין מוזיק איז דזשאַז געפּילדער
און דאָס לידל פון דער גאַס
און דיין קונסט—אַנאָנסן־בילדער
און דאָס ביכל פון „פאָן" און שפּאַס.

דיינע טענץ—די טענץ פון אָקסלען
און פון פיס פאַרריסן הויך,
ווי דו „שימיסט" און דו „טאַנגאָסט"
און דו רייבסט זיך בויך אָן בויך!

דיין טעאַטער—לייוונט העלדן,
וואָס פאַרוויגן דיך צום שלאָף,
מיט אַ מוראַ'דיקן אָנהויב,
מיט אַ האָניק זיסן סוף...

דיינע ביכער און ראָמאַנען—
גאָט, וואָס איז נישטאָ אין זיי?
פּרינצן, דאַמעס און שאָפערן
און געהיימע פּאָליציי.

דיינע צייטונגען און בלעטער—
פול מיט גטן, זנות און מאָרד,
שרייען זיי מיט גרויסע אותיות:
עקסטראַ! זנות אַ סענט אַ קוואָרט!

און דיין ערנסטיקער־ערנסט—
בייז־באָל שפּיל און פויסטן קלעפּ,
אַ, ס'איז דעמפּסים גרויסער קולאַק,
מעכטיקער פון קליגסטע קעפּ...